וכפי שיתבאר לקמן.

לב. אין דיש פרק ד׳ פון הל׳ בית הבחירה איז דא אן ענין נפלא פארבונדן מיט דעם גלות.

דער רמב"ם שרייבט דארט: "אבן היתה בקדש הקדשים במערבו שעלי׳ הי׳ הארון מונח כו׳ ובעת שבנה שלמה את הבית וידע שסופו ליחרב בנה בו מקום לגנוז בו הארון למטה במטמוניות עמוקות ועקלקלות ויאשיהו המלך צוה וגנזו במקום שבנה שלמה שנאמר[132] ויאמר ללוים המבינים לכל ישראל הקדושים לה׳ תנו את ארון הקודש בבית אשר בנה שלמה בן דוד מלך ישראל אין לכם משא בכתף עתה עבדו את ה׳ אלקיכם וגו׳".

וואס ע"פ די הלכה אין רמב"ם איז דער דאגאטשאוועד מבאר[133] דאס וואס עס שטייט אין די הפטורה פון פ׳ פקודי[134] "וואשים שם מקום לארון" - אז דאס גייט אויף דעם מקום וואס שלמה המלך האט געבויט אויף גונז זיין דעם ארון.

וואס דאס איז דאך אן ענין נפלא, אז "בעת שבנה שלמה את הבית", וואס בשעת גמר הבנין איז געווען א שמחה גדולה "וביום שמחת לבו"[135] - "זה בנין בית המקדש"[136], ער האט געמאכט א חנוכת הבית א ענין בתכלית העילוי, פערצן טעג, און די חנוכת הבית איז געווען בתכלית העילוי. עד כדי כך אז דאס האט זיך אויך ארייגעצויגן אין יוהכ"פ[137], און מ׳האט דעמולט געגעסן, און ניט נאר וואס דאס איז ניט געווען קיין דבר בלתי רצוי, נאר דורך דעם זיינען אידן געווארן "מזומנים לחיי העולם הבא"[138]! - איז א דבר נפלא אז אין אזא זמן "ידע (שלמה) שסופו ליחרב", און דערפאר "בנה בו מקום לגנוז בו הארון למטה במטמניות עמוקות ועקלקלות", ונוסף לזה - דאס ווייזט באוויסט אויף אז ענין פון גלוה - "עקלקלות", היפך פון "עשה האלקים את האדם ישר"[139]!

אין די הלכה - דארף מען פארשטיין:

א) ווי האט שלמה המלך געבויט א זאך ("המקום לגנוז בו הארון") אין ביהמ"ק, על דעת עצמו (דערפאר וואס "ידע שסופו ליחרב") - דער גאנצע ביהמ"ק עם כל פרטיו איז דאך "הכל בכתב מיד ה׳ עלי השכיל"[140], איז היתכן אז ער זאל עפעס דערצו צוגעבן על דעת עצמו?!

ב) עס שטייט אין תורה אז דער ארון דארף זיין אין

- קדה"ק -

---

132) דה"ב לה, ג. 133) צפע"נ להל׳ בית הבחירה שם. 134) מ"א ח-כא. 135) שה"ש ג, יא. 136) תענית כו, ב. שהש"ר עה"פ. וראה פירש"י עה"פ. 137) מ"א ח, כה-ו. דה"ב ז, ח-י. 138) מו"ק ט, א. 139) קהלת ז, כט. 140) דה"א כח, יט.

קדה"ק, און דערצו איז דער ארון אין קדה"ק געווען נוגע צו עבודת הכה"ג ביוהכ"פ בקדה"ק – איז היתכן אז ישאיהו המלך האט גונז געווען דעס ארון מיט כפורת, און [illegible] עס האט געפעלט כמה שנים אין די עבודה ביוהכ"פ, אין די הקטרת הקטורת, הזאת דם וכו׳ וואס איז געווען על הכפורת (ווי מ׳האט שוין אמאל גערעדט[141])?!

וכפי שיתבאר לקמן.

לג. וויבאלד אז מ׳האט גערעדט וועגן א פסוק אין איכה און וועגן פירוש רש"י – וועט מען זיך אויך אפשטעלן אויף די ערשטע און די לעצטע פירושי רש"י אין איכה [וואס עס קען זיין אז מ׳האט שוין אמאל גערעדט אין דעם, אבער אפילו די וואס האבן דאס געהערט דעם ערשטן מאל האבן שוין פארגעסן וואס מ׳האט גערעדט, און עס קען זיין אז מ׳האט ניט ערעדט אין דעם].

אויפן ערשטן פסוק אין איכה שטעלט זיך רש"י אויף די ווערטער "איכה ישבה בדד", און איז מפרש: "ירמי׳ כתב ספר קינות היא המגילה אשר שרף יהויקים על האח (דער אויוועז וואס האט געווארעמט דעם צימער) אשר על האש והיו בה שלש אל"ף ביתו"ת איכה ישבה איכה יעיב איכה יועם שוב הוסיף עליו אני הגבר שהוא שלש אל"ף ביתו"ת שנאמר[142] ועוד נוסף עליהם דברים רבים כהמה שלש כנגד שלש".

דארף מען פארשטיין:

א) פארוואס שרייבט רש"י ווער עס האט געשריבן מגילת איכה – למאי נפק"מ אין פשוטו של מקרא ווער האט עס געשריבן, ס׳איז ניט רשי׳ס ענין זאגן מי כתב ספר?

אין גמרא אין ב"ב[143] דערכנט מען אויס ווער עס האט געשריבן אלע ספרי תנ"ך – אבער ענינו של רש"י איז לערנען די פסוקים ע"פ פשש"מ – איז פארוואס שרייבט ער ווער האט געשריבן איכה?

ב) אין ירמי׳ שטייט אז ברוך בן נורי׳ האט געשריבן ספר איכה, און ניט ירמי׳, "ויקרא ירמיהו את ברוך בן נרי׳ ויכתוב ברוך מפי ירמיהו את כל דברי ה׳ אשר דיבר אליו על מגילת ספר"[144] – איז ווי זאגט דא רש"י אז ירמי׳ כתב ספר קינות?!

ג) פארוואס איז רש"י מעתיק פון פסוק אויך דעםווארט

– בדד

------------

141) ראה לקו"ש ח"ד ע׳ 1346 הערה 26. שיחת ש"פ אחרי, שבת הגדול ש.ז. סנ"ב. 142) ירמי׳ לו, לב. 143) יד, סע"ב ואילך. 144) ירמי׳ שם, ד.

ועוסק בתורה", אפילו ניט קיין "שנים שיושבין ועוסקין בתורה", ער איז בלויז איינער וואס זיצט און לערנט תורה.

"וידום": כאטש ער געפינט זיך אין גלות, כאטש אז ס'איז דא גזירת הגלות - איז ער "ידום", דאס שטערט אים ניט און איז אים ניט מבלבל צו לערנען תורה, ווארום ער מאכט ניט קיינע חשבונות אז ס'איז דא גזירת הגלות.

און וויבאלד אז ער איז איינער אליין וואס לערנט תורה, "אחד שיושב ועוסק בתורה", וויבאלד אז ער געפינט זיך אין גלות - איז זיין לימוד התורה אין אן אופן פון "וידום", מיט א "קול דממה דקה", ווארום ער דארף ניט איבערשרייען א צווייטן,

און דעמולט - "כי נטל עליו" - ס'איז "כאילו נתינת התורה כולו היהה בעבורו לבד".

ווארום כאטש ער איז "ישב בדד", ער איז אן "אחד שיושב ועוסק בתורה" - איז אבער די כוונה פון דעם גלות, פון זיין "ישב בדד" - דער ענין פון "וישכן ישראל בטח בדד עין יעקב" [172],

און דעריבער איז בשעת ער איז "ישב בדד", ער איז "אחד שיושב ועוסק בתורה", איז - "הקדוש ברוך הוא קובע לו שכר", דער אויבערשטער איז פונה מכל עסקיו און פארנעמט זיך מיט קובע זיין פאר אים שכר, "שנאמר ישב בדד וידום כי נטל עליו".

וואס דא זעט מען א דבר נפלא - ווי די משנה אין פרקי אבות, "מילי דחסידותא" [173] גייט מיט דעם זעלבן צוגאנג אין לערנען א פסוק אין איכה ווי אין פנימיות התורה - ווי דער צ"צ טוט עס אין זיינע רשימות אויף איכה.

מה. דער ביאור אין די הלכה אין הל' בית הבחירה:

דאס וואס שלמה המלך האט געבויט אין דעם ביהמ"ק "מקום לגנוז בו הארון למטה במטמניות עמוקות ועקלקלות" - איז דאס זיכער געווען ניט על דעת עצמו, נאר דערפאר וואס אזוי איז געשטאנען אין די מגילה וואס "מיד ה' עלי השכיל".

שטעלט זיך די שאלה: אויב אזוי פארוואס שרייבט דער רמב"ם אז ער האט דאס געבויט דערפאר וואס "ידע שסופו ליחרב"?

איז דער ביאור בזה:

- ס'איז -

---

172) ברכה לג, כח. 173) ראה ב"ק ל, א.

ס'איז א כלל אז מ'דארף אלעמאל משתדל זיין געפינען א טעם בשכל אויף א ציווי אין תורה, און ניט זאגן אז דאס איז א גזירת הכתוב, סיידן מ'קען ניט געפינען קיין טעם ע"פ שכל אויף דעם ענין.

ועאכו"כ אז דאס איז אַזוי בשעת מ'רעדט וועגן א זאך וואס שלמה המלך האט געטאן, ווארום ער איז געווען "חכם מכל האדם"[174], ביז וואנעט אז עס שטייט אין מדרש רבה[175] אז ער האט געוואוסט דער טעם אויף אלע מצוות שבתורה חוץ פון פרה אדומה.

וואס דעריבער, בשעת עס רעדט זיך וועגן דעם וואס שלמה המלך האט געבויט אין ביהמ"ק א "מקום לגנוז בו הארון כו'", דערפאר וואס אזוי איז געשטאנען אין די מגילה וואס "מיד ה' עלי השכיל" – איז ביי אים געווען אין דעם א הסברה ע"פ שכל (און ניט אז דאס איז א גזירה אן קיין טעם ע"פ שכל), און דערפאר שרייבט דער רמב"ם דעם טעם ע"פ שכל אויף דעם, אז זייבאלד "בעת שבנה שלמה את הבנין וידע שסופו ליחרב" דערפאר "בנה בו מקום לגנוז בו הארון כו'".

וואס דאס איז אן ענין ע"פ נגלה – ווארום, כמדובר כמ"פ, אויך חלק האגדה שבגמרא איז נגלה, ס'איז מערניט וואס ע"ד ווי אין הלכה גופא זיינען דא כמה חלקים וואס יעדערער האט זיינע כללים, עס זיינען דא די כללים פון דיני ממונות, אנדערע כללים פון דיני איסורא און אנדערע כללים פון דיני נפשות – עד"ז האט חלק האגדה אידע כללים – אבער דאס איז אויך א חלק פון נגלה דתורה.

און די ענינים המוזכרים לעיל זיינען אלע ע"פ נגלה: דאס וואס מ'דארף זיך משתדל זיין געפינען אויף יעדער ציווי אין תורה א טעם – איז ע"פ נגלה; דאס וואס שלמה המלך איז געווען "חכם מכל האדם", און ער האט געזאגט "שלשת אלפים משל"[176] – איז ע"פ נגלה; דאס וואס שלמה המלך האט געבויט דעם ביהמ"ק – איז ע"פ נגלה.

מו. די הלכה אין דעם וואס דער רמב"ם שרייבט אז "בעת שבנה שלמה את הבית וידע שסופו ליחרב בנה בו מקום לגנוז בו הארון למטה במטמניות עמוקות ועקלקלות" – באשטייט בפשטות דערפון, אז דאס איז א פרט אין דעם אופן פון בנין בית המקדש.

מ'דארף נאך אבער פארשטיין: צוליב וואס הויבט אן דער

- רמב"ם -

---

174) מ"א ה, יא. 175) במדב"ר פי"ט, ג. תנחומא חוקת ו. 176) מלכים שם, יב.

דמב"ם די הלכה מיט "אבן היתה בקדש הקדשים במערבו שעלי' הי' הארון מונח כו'" - דער עיקר וואס איז דא נוגע איז וועגן דעם ארון אין קדה"ק, האט ער געדארפט שרייבן אז דער ארון איז געווען אין קדה"ק במערבו, און ניט מאכן אן עיקר פון דעם אבן און "עלי' הי' הארון מונח"?

איז דער ביאור בזה:

פאר דער עבודה אין קדה"ק בעיוהכ"פ, די הזאת הדם, איז געווען נוגע דער עצם מקום אין קדה"ק, וואס דערפאר איז אויך ווען ס'איז ניט געווען קיין ארון אין ביהמ"ק (אין דעם גאנצן זמן פון בית שני[177], און אין בית ראשון נאכדעם וואס גנזו יאשיהו) האט מען געדארפט וויסן וואו דער מקום הארון איז געווען בכדי אז מ'זאל דארטן מאכן די הזיית הדם ביוהכ"פ[178].-

דערפאר זאגט דער רמב"ם וואו דער מקום איז געווען - אז "אבן היתה בקדה"ק במערבו שעלי' הי' הארון מונח", וואס דארטן דארף מען מאכן די הזאה ביוהכ"פ.

מז. דער ביאור אין די הלכה ע"פ פנימיות הענינים:

לכאורה איז ניט פארשטאנדיק ווי עס האט געקענט בכלל זיין דער גאנצער ענין פון "יד שנשתלחה במקדשך"[179],

ובפרט נאך אין דעם מקדש ראשון וואס שלמה המלך האט געבויט, וואס אמת טאקע אז דאס איז ניט ווי דער משכן וואס איז מעשהי ידי משה וואס מעשה ידי משה זיינען נצחיים - אעפ"כ איז דאס אבער געבויט געווארן ע"י שלמה המלך וואס אויף אים שטייט[180] "וישב שלמה על כסא ה'" - איז ווי האט אין דעם געקענט זיין א חורבן ע"י גוים?!

אויף דעם איז דער רמב"ם מבאר, אז "בעת שבנה שלמה את הבית וידע שסופו ליחרב בנה בו מקום לגנוז בו הארון למטה במטמוניות עמוקות ועקלקלות":

בכדי עס זאל קענען זיין דער חורבן ביהמ"ק האט געדארפט זיין א נתינת מקום און א "פתח" אין דעם ביהמ"ק גופא אויף אזא זאך,

דעריבער, איז דאס וואס שוין "בעת שבנה שלמה את הבית" איז "וידע שסופו ליחרב", ביז נאכמער - אז דערפאר האט ער געבויט אין דעם ביהמ"ק גופא "מקום לגנוז בו הארון",

- און -

---

177) יומא כא, ב. 178) ראה לקו"ש ח"ד ע' 1346 הערה 25. 179) תפלת מוסף דיו"ט. 180) דה"א כט, כג.

און וואו האט ער דאס געבויט - "במטמניות עמוקות ועקלקלות", וואס זיי באוויייזן אויף דעם ענין הגלות: "מטמניות עמוקות": ס'איז דא דער ענין פון "עמוק עמוק מי ימצאנו"[181], וואס דאס איז טאקע א דרגא נעלית ביותר, אבער בזמן הגלות איז די דרגא אין אן אופן פון "מטמניות", דאס איז באהאלטן, אז תמורת זה וואס די ענינים דארף מען מגלה זיין אין אן אופן-פון "יפוצו מעינותיך חוצה"[182], געפינען זיי זיך אין אן אופן פון "מטמניות עמוקות", דערפאר וואס דאס איז גלות; און "עקלקלות" איז היפך פון "אדם ישר" - דער כללות ענין הגלות,

און דאס איז געווען געבויט אין דעם ביהמ"ק גופא, ד.ה. אז תמורת זה וואס אין דעם ביהמ"ק דארף זיין "חלונות שקופים אטומים"[183], אז "משם אורה יוצאה לעולם"[184] - איז ניט נאר וואס פון דארטן גייט ניט ארוים קיין אור בעולם, נאר דארטן גופא זיינען פאראן "מטמניות עמוקות ועקלקלות" -

איז דאס געווען דער נתינת מקום און דער "פתח" (אין דעם ביהמ"ק גופא) אז עס זאל קענען זיין דער חורבן ביהמ"ק ע"י גוים.

מח. ובדוגמא ווי רז"ל דערציילן[185] בנוגע צו דעם חורבן פון ביתר, אז "שלש שנים ומחצה הקיף אדריאנוס קיסר לביתר, והי׳ שם רבי אלעזר המודעי עסוק בשקו ובתעניתו ובכל יום ויום מתפלל ואומר רבש"ע אל תשב בדין היום כו׳", און א כותי האט געזאגט אדריאנוס'ן, אז כל זמן וואס רבי אלעזר המודעי איז "עסוק בשקו ובתעניתו כו׳" וועט ער ניט קענען איינגעמען ביתר, און דער כותי האט אים געזאגט אז ער האט אן עצה אויף דעם. מיט דער גאנצער אריכות הסיפור בזה, ביז אז דער כותי האט גע'פועל'ט אז בן כוזיבא זאל הרג'נען (זיין פעטער) רבי אלעזר המודעי, און דוקא דעמולט האט געקענט זיין דער חורבן פון ביתר.

זעט מען אז דוקא ווען אידן האבן געגעבן א נתינת מקום אויף חורבן כו׳ קען דאס ארויסקומען בפועל, און לולא זה וואס אידן אליין גיבן א נתינת מקום אויף דעם קען דאס ניט זיין.

ובדוגמא ווי ס'איז געווען בא דעם חטא המרגלים ווי

- דערציילט -

---

181) קהלת ז, כד. 182) משלי ה, טז. וראה אגה"ק הידועה דהבעש"ט - נדפסה (גם) בכש"ט (הוצאת קה"ת) בתחלתו. 183) מ"א ו, ד. וראה מנחות פו, ב. ורש"י שם ד"ה שקופים. ויק"ר פל"א, ז. תנחומא בהעלותך ב. 184) ירושלמי ברכות פ"ה ה"ד. 185) ירושלמי תענית פ"ד ה"ה. (כא, א). איכ"ר פ"ב, ד.

דערציילט אין פרשתנו[186]: דער גאנצער ענין פון "ויקצוף וישבע לאמר, אם יראה איש באנשים האלה גו' את הארץ הטובה וגו'" – האט נאר געקענט זיין דערפאר וואס אידן האבן געמאכט א "פתח" און געגעבן א נתינת מקום אויף דעם דורך עובר זיין אויף דעם חטא המרגלים, און לולא זה וואלט טאקע ניט געקענט זיין די גזירה.

און ווי די גמרא[187] דערציילט אז "אקמצא ובר קמצא חרוב ירושלים": קמצא און בר קמצא האבן געהאט א שייכות צווישן זיך, ווי פארשטאנדיק פון זייערע נעמען ע"פ הענין פון "דייק בשמא"[188], און דערפאר איז געשען דער טעות אז אנשטאט איינלאדן קמצא צו דער סעודה האט מען איינגעלאדן בר קמצא – איז וויבאלד אז ס'איז געווען היפך פון אהבת ישראל, אז כאטש קמצא און בר קמצא האבן געהאט א שייכות צווישן זיך, איז קמצא געווען "רחמי'" (זיין אוהב) און בר קמצא איז געווען "בעל דבבי'" (זיין שונא) – האט דאס אויפגעעפנט א "פתח" און געגעבן א נתינת מקום אויף דעם גאנצן ענין פון חורבן ירושלים, און לולא זה וואלט דאס ניט געקענט זיין.

ועד"ז איז אויך בנדו"ד: דער ענין אז שוין "בעת שבנה שלמה את הבית וידע שסופו ליחרב" ביז אז "בנה בו מקום לגנוז בו הארון במטמניות עמוקות ועקלקלות" – איז געווען אן ענין אין ביהמ"ק גופא וואס האט געמאכט א "פתח" און געגעבן א נתינת מקום אויף דעם חורבן ביהמ"ק, און לולא זה וואלט דער גאנצער ענין ניט געקענט זיין.

מט. די פנימיות הכוונה אבער אין דעם ענין פון חורבן ביהמ"ק און אין דעם וואס שלמה האט געבויט אין דעם ביהמ"ק גופא "מקום לגנוז בו הארון במטמניות עמוקות ועקלקלות" (דערפאר וואס "ידע שסופו ליחרב"), וואס דאס האט געגעבן א נתינת מקום אויף דעם חורבן, איז (ניט ח"ו געבן א נתינת מקום אויף חורבן, נאר) געבן א נתינת מקום אז עס זאל אויפ-געבויט ווערן נאך א העכערער ביהמ"ק – דער ביהמ"ק השלישי, ווי די כוונה פון יעדער ירידה איז – בכדי צוקומען צו נאך א העכערע עלי':

שלמה המלך האט געוואוסט פון דעם וואס עס שטייט אין זהר[189], אז דער ביהמ"ק השלישי וועט זיין א ביהמ"ק וואס דער אויבערשטער וועט בויען, כמ"ש[190] "מקדש אד' כוננו ידיך", און אז דאס איז דער תכלית העילוי צו וועלכן מ'דארף

- צוקומען -

---

186) א, לד-לה. 187) גיטין נה, סע"ב ואילך.
188) יומא פג, ב. 189) ח"א כח, א. ח"ג רכא, א.
190) בשלח טו, יז. מכילתא ופרש"י שם.



הנחת הת' בלתי מוגה

צוקומען, א ביהמ"ק נצחי און דאס איז די שלימות פון דעם בית ראשון און פון דעם בית שני, וואס זיינען נבנה געווארן ע"י בני אדם, און במילא זיינען זיי ניט קיין נצחיים.

און ווי קען מען צוקומען צו דעם בית המקדש השלישי - איז די איינציקע וועג אויף דעם דורך דעם וואס עס וועט זיין דער חורבן הבית,

און ניט נאר דער חורבן פון בית ראשון וואס האט געבראכט צו א גלות וואס נתגלה קצו, נאר אויך דער חורבן בית שני וואס האט געבראכט צו א גלות וואס לא נתגלה קצו, א ירידה באי"ע יותר - און דוקא דורך דעם חורבן, דורך דער ירידה גדולה קען מען צוקומען צו דעם תכלית העילוי פון דעם בית השלישי, "מקדש אד׳ כוננו ידיך", בנין ע"י הקב"ה.

וואס דאס איז וואס דער רמב"ם שרייבט אז שלמה המלך "ידע שסופו ליחרב", און דערפאר "בנה בו מקום לגנוז בו הארון כו׳", וואדום שלמה המלך האט געוואוסט אז די כוונה און שלימות איז - אז עס זאל אויסגעבויט ווערן דער ביהמ"ק השלישי, וואס דאס ווערט דוקא דורך דעם וואס פריער איז דא דער חורבן, דערפאר האט ער געבויט אין דעם בית ראשון גופא אן ענין פאר־בונדן מיט חורבן, וואס דאס גיט א נתינת מקום אויף דעם בנין בית המקדש וואס קומט ע"י הורבן הבית.

לאידך גיסא, בכדי צוקומען צו דעם ביהמ"ק השלישי, "מקדש אד׳ כוננו ידיך", איז ניט גענוג אז עס זאל נאר זיין א חורבן פון די בתי מקדש שלפנ"ז - נאר עס מוז אויך זיין די שלימות אין עבודת המטה בכדי אז דערנאך זאל נמשך ווערן דער ביהמ"ק מלמעלה, וואס דעריבער איז ניט גענוג דאס וואס שלמה "ידע שסופו ליחרב", נאר ער האט געדארפט בויען א מקום אין דעם ביהמ"ק גופא "לגנוז בו הארון", און דורך דעם וואס דער ארון בלייבט דארטן - קען מען אויפבויען דעם ביהמ"ק נאכאמאל (און אויף א העכערן אופן).

ובדוגמא ווי דאס איז בנוגע צו תחיית המתים:

פון איין זייט מוז זיין פריער דער חוזרן לעפרן פון דעם גוף, דער "חורבן" פון דעם גוף, בכדי דער גוף זאל דער־נאך קענען אויפשטיין צו תחה"מ, ביז וואנעט מ׳זאגט[191] אז אפילו ביי צדיקים מוז זיין לדגע אחד דער "(עפר אתה ו) אל עפר תשוב"[192] פאר תחה"מ;

לאידך גיסא מוז אבער דער "עצם לוז" אלעמאל בלייבן און ממנו נבנה דער גוף צו תחה"מ[193].

וע"ד ווי דאס איז אין דעם גוף האדם - איז דאס אויך אין דעם ביהמ"ק וואס איז בציור גוף האדם, כמבואר באדוכה אין ספר תודת העולה פון דעם רמ"א:

- בכדי -

------------

191) זח"ב קח,ב. 192) בראשית ג,יט. 193) ב"ר פכ"ח,ג. וש"נ. זח"ב כח,ב. ועוד. תוד"ה והוא - ב"ק טז,ב.

בכדי צוקומען צום ביהמ"ק השלישי דלעתיד, האט געדא-רפט זיין דער חורבן און ירידה פון בית ראשון ושני; פון צוויייטן זייט אבער, בכדי דאס אויפבויען, האט געדארפט בלייבן דער ארון, וואס "אין בארון אלא שני לוחות"[194], די מעלה פון חקיקה (ווי גערעט פריער[195]).

און דאס איז אן ענין וואס מ'קען מסביר זיין לכאו"א, אפילו בא קטנים, און ניט, כדעת הטועים, אז אויף מסביר זיין די ענינים צו קטנים, און בכלל - אויף דעם ענין פון הפצת המעינות, דארף מען ווארטן ביז דער קינד לערנט אלע פשוט'ע ענינים, און ערשט דערנאך קען מען אים מסביר זיין די מעינות - נאר עס דארף זיין הפצת המעינות חוצה גלייך, לכאו"א, אויך צו קינדער.

און דאס וואס דער רמב"ם שרייבט, אז "בעת שבנה שלמה את הבית וידע שסופו ליחרב בנה בו מקום לגנוז בו הארון למטה במטמוניות עמוקות ועקלקלות": די כוונה פון שלמה המלך איז געווען צו מאכן א "פתח" און געבן א נתינת מקום אויף דעם ביהמ"ק השלישי, וואס דאס איז דורכדעם וואס פריער וועט זיין דער חורבן בית ראשון ושני, דורך דעם וואס "בנה בו מקום לגנוז בו הארון", דערפאר וואס "ידע שסופו ליחרב", און דורך דערויף וואס דארטן וועט אבער אויך בלייבן דער ארון.

נ. כאן המקום צו מבאר זיין דעם קשר צווישן די התחלה און דעם סיום פון הל' בית הבחידה להרמב"ם, בדוגמא ווי מ'טוט אין א הדרן אויף א מסכת:

בריש הלכות בית הבחירה שרייבט דער רמב"ם: "מצות עשה לעשות בית לה' מוכן להיות מקריבים בו הקרבנות, וחוגגין אליו שלש פעמים בשנה".

דארף מען פארשטיין: מיט שרייבן "וחוגגין אליו שלש פעמים בשנה" - איז מאי קמ"ל דער רמב"ם, און וואס איז זיין מקור אויף דעם כו'?

מפרשים שטעלן זיך און זיינען מבאר נאר די התחלה פון דער הלכה, "מצות עשה לעשות בית לה' מוכן להיות מקריבים בו הקרבנות" - אבער ניט אויף דעם צווייטן חלק פון דער הלכה.

ויש לומר הביאור בזה אין עבודת האדם:

אין ביהמ"ק זיינען געווען מודגש צוויי ענינים - דער ענין פון "בין אדם למקום" און דער ענין פון "בין אדם לחבירו", און דאס איז דער רמב"ם מדגיש אין די ערשטע הלכה אין הלכות ביה הבחירה:

"מצות עשה לעשות בית לה' מוכן להיות מקריבים בו - הקרבנות -

------------

194) מ"א ח,ט. דה"ב ה,י. 195) שיחת שבעה עשר בתמוז ש.ז. ס"ד ואילך.

הקרבנות" - דער ענין פון בין אדם למקום, הקרבת הקרבנות לה'; און "וחוגגין אליו שלש פעמים בשנה" - דער ענין פון בין אדם לחבירו, ווי דער רמב"ם שרייבט פריער אין הלכות יו"ט[196] אז דער ענין פון שמחת החג באשטייט דערפון וואס ער פראוועט דאס (ניט אליין נאר) "הוא ובניו ואשתו ובני בניו וכל הנלוים אליו שנאמר[197] ושמחת בחגיך וגו'", ד.ה. אז בשעת אידן פלעגן עולה לרגל זיין אין ביהמ"ק "וחוגגין אליו שלש פעמים בשנה" האט דאס גע'פועל'ט אויף זיי דעם ענין פון אחדות און אהבת ישראל.

און די אחדות צווישן אידן וואס איז געווען בשעת "חוגגין אליו שלש פעמים בשנה" האט גע'פועל'ט און דורכגע-נומען אויך די ענינים גשמיים, כמובן פון דעם וואס מ'פלעגט באווייזן די עולי רגלים דעם לחם הפנים ווי זיי זיינען געווען חם וכו'[198].

און דערפון האט מען א הוראה לכאו"א - אז עס דארף זיין די עבודה סיי פון בין אדם למקום און סיי פון בין אדם לחבירו, און וויבאלד אז אלע ענינים דלעת"ל זיינען תלוי אין מעשינו ועבודתינו איצטער - טוט מען אויף דורך די עבודה הנ"ל אין בין אדם למקום און בין אדם לחבירו, אז עס זאל אויפגעבויט ווערן דער ביהמ"ק השלישי וכו'.

[עס בלייבט נאך אבער שווער: וואס איז דער מקור פון דעם רמב"ם אויף "חוגגין אליו כו'"].

נא. וואס דער ענין - אז דער ביהמ"ק השלישי וכו' און בכללות אלע גילויים דלעתיד זיינען תלוי במעשינו ועבודתינו איצטער - איז אויך מרומז אין דעם סיום פון הל' בית הבחירה:

נאך דער ווי דער רמב"ם רעדט בפרטיות וועגן די שמירה אין מקדש, און דער סדר ווי מ'פלעגט דאס טאן, אז מ'פלעגט ארום-גיין מיט אבוקות דולקות כו' - איז ער מסיים (הל' בית הבחירה): "כסדר הזה עושין בכל לילה ולילה חוץ מלילי שבת שאין בידם אור אלא בודקין בנרות הדלוקין שם מערב שבת".

וואס לאחרי די גאנצע שקו"ט אין נגלה[199] אז לכאורה "אין שבת במקדש"[200] וכו' (ווי גערעדט אויך אמאל בארוכה[201]) - איז מרומז אין דעם אן ענין אין עבודת ה':

אלע גילויים דלעת"ל, אין דעם "יום שכולו שבת ומנוחה לחיי העולמים"[202], כולל אויך דעם ביהמ"ק השלישי,

- און -

---

196) פ"ו הי"ז. 197) ראה טז,יד. 198) חגיגה כו,ב. וש"נ. 199) ראה כסף משנה, משנה למלך, ועוד. 200) פסחים סה,א. ביצה יא,ב. 201) שיחת ש"פ מטו"מ תשל"ז ס"ד ואילך. שיחת ש"פ דברים וש"פ עקב תש"מ. 202) סוף מסכת תמיד.

און שמירת ביהמ"ק השלישי, וואס וועט דעמולט זיין בתכלית השלימות, וואס ענינה (פון שמירת המקדש) איז כבוד המקדש[203] - איז דאס אלעס תלוי אין מעשינו ועבודתינו בערב שבת (דער זמן גלייך פאר די גאולה), די "נרות הדלוקין שם מערב שבת" - "נר מצוה ותורה אור"[204] וואס מ'טוט בערב שבת, נאך אין זמן הגלות.

נב. דער ענין המרובר לעיל (אין דעם ביאור ההלכה אין הל' בית הבחירה) אז די כוונה פנימית אין דעם חורבן ביהמ"ק און אין גלות בכלל, איז די עלי' וואס קומט דערפון ארויס - איז אויך דער "יינה של תורה"[205] אין פרש"י אין אנהויבס מגילת איכה (וועגן וועלכע עס האט זיך פריער גערעדט (סל"ג ואילך)).

ובהקדים - דער ביאור ע"פ פשטות העניינים פארוואס רש"י איז מעתיק פון פסוק (ניט נאר די ווערטער "איכה ישבה", נאר אויך) דעם ווארט "בדד" (ווי געפרעגט פריער):

אויב רש"י וואלט מעתיק געווען נאר די ווערטער "איכה ישבה" - וואלט מען געקענט מיינען אז פירושו גייט נאר אויפן קאפיטל "איכה ישבה", און ניט אויף די אנדערע קאפיטלען;

דעריבער איז רש"י מעתיק אויך דעם ווארט "בדד" צו מדגיש זיין אז זיין פירוש גייט אויף גאנץ מגילת איכה, כמדובר כמ"פ אז בשעת רש"י וויל מדגיש זיין אז זיין פירוש גייט אויף דעם גאנצן ענין הבא לקמן איז ער מעתיק נאר די ערשטע ווערטער פון דעם ענין, און ער שרייבט אפילו ניט קיין "וגו'".

ווי מ'געפינט ביי דעם ציווי פון עשיית האפוד[206], אז רש"י איז מעתיק נאר די ווערטער "ועשו את האפוד" (אן אפילו א "וגו'"), און ער זאגט "אני באתי לפרש מעשה האפוד וחושן על סדר המקראות כו'", ד.ה. אז דאס גייט אויף דעם גאנצן ענין המדובר לקמן אין די כתובים.

נב. פון "יינה של תורה" אין דעם פירוש רש"י:

דערפון וואס רש"י איז מעתיק אויך דעם ווארט "בדד" בכדי צו מדגיש זיין אז דאס גייט אויף גאנץ מגילת איכה - איז פארשטאנדיק אז גאנץ מגילת איכה איז מרומז אין דעם ווארט "בדד",

וכמדובר לעיל (סמ"ד) אז "ברד" באוויינט אויף דעם כללות ענין הגלות, וואס דוקא אין גלות קען זיין די מציאות

- פון -

---

203) רמב"ם ריש פ"ח מהלכות בית הבחירה. 204) משלי ו, כג. 205) "היום יום" כט שבט (ע' כד). 206) תצוה כח,ו ואילך.

פון "ישב בדד וידום גו׳", פון "אחד שיושב ועוסק בתורה", אז ער קען ניט געפינען קיין צווייטן וואס זיצט און לערנט תורה - וואס דאס איז דער תוכן פון גאנץ מגילת איכה, דער ענין פון גלות,

און וויבאלד אז די כוונה פון "ישב בדד" איז - דער "וישכן ישראל בטח בדד עין יעקב" (כנ"ל סמ"ד), ד.ה. אז די כוונה פון ירידת הגלות איז די עלי׳ וואס וועט דערפון ארויסקומען - איז פארשטאנדיק אז אזוי איז אויך בנוגע צו גאנץ מגילת איכה (וואס תוכנה איז גלות), וואס איז מרומז אין דעם ווארט "בדד", אז כוונתה איז די עלי׳ וואס וועט דערפון ארויסקומען;

די כוונה פון "איכה ישבה בדד" איז -"וישכן ישראל בטח בדד עין יעקב".

נג. די הוראה דערפון: בשעת מ׳גייט טאן אין הפצת המעינות חוצה דארף מען וויסן אז מ׳דארף מפיץ זיין אלע מצות, און ניט זאגן אז וויבאלד יענער האלט נאך ניט דערביי׳ דארף מען אים געבן נאר א חלק פון די מצות, נאר מ׳דארף אים זאגן וועגן אלע מצות;

ס׳איז מערניט וואס וויבאלד אז ער קען ניט אנהייבן טאן אלע מצות מיט איין מאל - דעריבער גיט מען אים גלייך א מצוה וואס מאכט זיך אונטערן האנט, ס׳איז אין אן אופן פון "בדד", איין מצוה אליין - אין אן אופן פון "חטוף ואכול חטוף ואישתי"[207] עס קומט א מצוה וואס ער קען גלייך מקיים זיין - גיט מען דאס אים,

און דאס גופא וועט שוין ברענגען נאך א מצוה ופעולה טובה, ווארום "מצוה גוררת מצוה"[208], ביז ביי אים וועט זיין "ילכו מחיל אל חיל יראה אל אלקים בציון"[209], ווי עס שטייט אין סיום מס׳ ברכות, מס׳ מועד קטן ובב"מ.

און דורך דעם בתוככי כללות "מעשינו ועבודתינו" איצטער בזמן הגלות, טוט מען אויף אז עס זאל זיין דער בנין ביהמ"ק השלישי, אנשטאט דעם "באש הצתה"[210] זאל זיין "באש אתה עתיד לבנותה"[210].

נד. וואס כ"ז ווערט אויפגעטאן ע"י "מעשינו ועבודתינו" איצטער בזמן הגלות,

ובפרט דורך "מעשינו ועבודתינו" אין פועל׳ן און משפיע זיין ביז אויף כלל ישראל,

- אז -

---

207) עירובין נד,א. וראה מכ׳ כ"ק אדמו"ר (מהורש"ב) נ"ע נדפס בהקדמה לקונטרס ומעין ע׳ 22. 208) אבות פ"ד מ"ב. 209) תהלים פד,ח. 210) תפילת נחם (מירושלמי ברכות פ"ד ה"ג (ל,ב)).

אז פון "אחד שיושב ועוסק בתורה" זאל ווערן "שנים שיושבים ועוסקים בתורה"[211], ביז - "עשרה שיושבין ועוסקין בתורה"[212], וואס עשרה איז דאך דער גרעסטער ענין פון פרהסי', דער פרסום הכי גדול[213], ד.ה. אז דאס דערגרייכט צו כו"כ אידן, ביז כ"ים גאנצן עם ישראל.

מודגש דעם גודל הענין פון "עשרה שיושבים ועוסקים בתורה", פעולה מיט רבים - אויך אין דעם מכ' ומאמר וואס כ"ק מו"ח אדמו"ר האט געשיקט לחגיגת יום הגאולה פון י"ב-י"ג תמוז בפעם הראשונה[214], וואס דער ד"ה פון דעם מאמר איז "עשרה שיושבים ועוסקים בתורה כו'", די הדגשה אויף פעולה אויף א רבים פון אידן,

און ווי ער איז דאס מדגיש אויך אין דעם מכ', אז "לא אותי בלבד גאל הקב"ה כו' כי אם גם כל מחבבי תורתנו הק', שומרי מצוה, וגם את אשר בשם ישראל יכונה".

וואס עד"ז (ע"ד ווי אין די גאולה פון י"ב-י"ג תמוז) וועט אויך זיין אין די גאולה העתידה - עס וועט זיין "ואתם תלוקטו לאחד אחד בני ישראל"[215], אז קיין איין און איינציקער איד וועט ניט בלייבן אין גלות.

און נאכמער: נאך אין די לעצטע רגעים פון זמן הגלות וועט זיין "ולכל בני ישראל הי' אור במושבותם"[216],

ווי ס'איז איצטער - דורך דעם גודל האור והשמחה וואס איז פון דעם חסיד'ישן פארברייינגען וואס מ'האט איצטער געמאכט בערב ט' באב אחר חצות, -

וואי דער אלטער רבי איז דאס מבאר (כנ"ל ס"ד), וואס ער איז דער מייסד, דער תחילה ראש וכתר פון חכמה פון תורת החסידות חב"ד, דער יתפרנסון מיני'[217] פון די תורה פון בעש"ט און פון זהר, וואס "בהאי חיבורא דילך דאיהו ספר הזהר יפקון בי' מן גלותא ברחמי"[218],

אין אן אופן פון "מיד הן נגאלין", למטה מעשרה טפחים, בקרוב ממש ובעגלא דידן, ובשמחה ובטוב לבב.

כ"ק אדמו"ר שליט"א פנה לכמה ילדים שיחיו, והתחיל לנגן "ווי וואנט משיח נאו".

אח"כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה, ווען זיכער מאכן א ברכה אחרונה.

---

211) ראה אבות פ"ג מ"ג. 212) שם א,ו. 213) ראה רמב"ם הל' יסוה"ת פ"א ה"ד, שו"ע יו"ד סקנ"ד ס"א. ובכ"מ. 214) נד' בסה"מ תרפ"ח ע' קמו ואילך. תש"ח ע' 263 ואילך. 215) ישעי' כז,יב. 216) בא י,כג. 217) ראה תקו"ז (ת"ו בסופו). פי' מק"מ להקדמת הזהר. כסא למלך לתקו"ז שם. 218) זח"ג קכד, ב ברע"מ. נתבאר באגה"ק סכ"ו.